תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל | בני ברק


בס"ד

# אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵיינֶען

# דֶער צְוֵויי אוּן פֶערְצִיג

# פְּשָׁטִים פוּנֶעם

# אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ

# דֶער צְוֵויי אוּן פֶערְצִיג
# פְּשָׁטִים פוּנֶעם אוֹר הַחַיִּים
# הַקָדוֹשׁ אוֹיפְן פָּסוּק
# אִם בְּחוּקוֹתַי תֵּלֵכוּ

דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ פְלֶעגְט יֶעדֶע וָואךְ פְרֵייטִיג עֶרֶב שַׁבָּת קוֹיפְן אַ בְּהֵמָה אוּן עֶס שֶׁחְטְ'ן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטֵיילְט דִי פְלֵייש פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן שְׁטָאט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן פְלֵייש לְכָבוֹד שַׁבָּת.

אֵיין וָואךְ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ קְרַאנְקֵייט בֵּיי אַלֶע בְּהֵמוֹת פוּן שְׁטָאט, אוּן אַלֶע בְּהֵמוֹת וָואס מְ'הָאט גֶע'שָׁחְטְ'ן לְכָבוֹד שַׁבָּת זֶענֶען גֶעוֶוען טְרֵיפָה, אוּן נָאר דִי בְּהֵמָה וָואס דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ הָאט גֶע'שָׁחְטְ'ן אִיז גֶעוֶוען כָּשֵׁר, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ הָאט יָא גֶעטְרָאפְן כָּשֵׁרֶ'ע פְלֵייש אוֹיף שַׁבָּת, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים גֶעבְּן פְלֵייש אוֹיף שַׁבָּת אוּן עֶר וֶועט אִים בַּאצָאלְן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט.

דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען אִים צוּ פַארְקוֹיפְן דִי פְלֵייש, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי פְלֵייש אִיז נָאר פַאר דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוּן אַזוֹי רֶעדְנְדִיג מִיט דֶעם עוֹשֶׁר אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אָפְּנֶעמֶען זֵיינֶע פְלֵייש פוּן דֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, אוּן דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ הָאט אִים זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן זֵיין פְלֵייש.

דֶער עוֹשֶׁר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: פַארְוָואס פַאר מִיר קֶען מֶען נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין פְלֵייש, אוּן פַאר דֶעם אָפְּגֶערִיסֶענֶער אָרִימַאן וָואס גֵייט מִיט צוּרִיסֶענֶע קְלֵיידֶער פַאר אִים אִיז יָא דָא פְלֵייש, אוּן זֵייעֶנְדִיג שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט הָאט עֶר וֵוייטֶער גֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט דֶעם אָרִימַאן.

דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט טַעֲנֶה'ן מִיט דֶעם עוֹשֶׁר הָאט עֶר אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוּן וֶוען דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן דִי אַלֶע שְׁרֵייעֶרֵייעֶן אִיז עֶר אַוֶועק פוּן דָארְט אוֹיפְגֶערֶעגְטֶערְהֵייט.

אִין יֶענֶע נַאכְט הָאט דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אִין הִימְל אַ גְרוֹיסֶער טוּמְל אוֹיף דֶעם וָואס

עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי מְ'פַארְשֶׁעמְט אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען פַאר אִים, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען גוֹזֵר גֶעוֶוען אוֹיף אִים אִין הִימְל אַז עֶר וֶועט דַארְפְן גֵיין אִין גָלוּת אַ יָאר צֵייט, וֵוייל עֶר הָאט נִישְׁט מוֹחֶה גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם וָואס דֶער עוֹשֶׁר הָאט מְבַזֶה גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם.

דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי גְזֵירָה אוּן גְלֵייךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וַואנְדֶערְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מֶער וִוי אֵיין נַאכְט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, נָאר גְלֵייךְ צוּמָארְגְנְס אִיז עֶר וֵוייטֶער גֶעגַאנְגֶען זֵיין וֶועג אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, עֶס אִיז גֶעוֶוען טֶעג וָואס עֶר הָאט מַמָשׁ גֶעהוּנְגֶערְט אוֹיף אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, אָבֶּער עֶר הָאט אַלֶעס אָנְגֶענוּמֶען בְּאַהֲבָה, צוּ מְכַפֵּר זֵיין אוֹיף וָואס מְ'הָאט פַארְשֶׁעמְט אַ תַּלְמִיד חָכָם.

אֵיין וָואךְ עֶרֶב שַׁבָּת גֵייעֶנְדִיג אִין גָלוּת, אִיז דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ וַואלְד לֶעבְּן אַ שְׁטָאט, אוּן הָאט זִיךְ אַרָאפּ גֶעזֶעצְט זִיךְ אָפְּרוּהֶען אוֹיף אַ שְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי זִיצְנְדִיג הָאט עֶר מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען צְוֵויי אוּן פֶערְצִיג פֵּירוּשִׁים אוֹיפְן פָּסוּק "אִם בְּחוּקוֹתַי תֵּלֵכוּ".

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין שְׁטָאט אִיז עֶר אַרֵיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן הָאט זִיךְ אַרָאפּ גֶעזֶעצְט בֵּיי דִי לֶעצְטֶע בַּאנְק דָארְט וואוּ עֶס

פְּלֶעגְן זִיצְן אַלֶע שְׁלֶעפֶּער'ס וֵוייל קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט דֶערְקֶענְט און עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶער אָרִימַאן, נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט אֵיינֶער פוּן דִי עֲשִׁירִים פוּן שְׁטָאט אִים גֶערוּפְן צוּ זִיךְ עֶר זָאל קוּמֶען בֵּיי אִים עֶסְן אוֹיף שַׁבָּת, נָאךְ דִי סְעוּדֶה הָאט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעזָאגְט: "קוּם לָאמִיר גֵיין צוּ דִי טִישׁ פוּן דֶעם רָב פוּן שְׁטָאט, דֶער רָב אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶער און עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, און בֵּיים טִישׁ זָאגְט עֶר תּוֹרֶה וָואס מְ'זָאגְט אוֹיבְן אִין הִימְל".

און אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער בַּעַל הַבַּיִת מִיטְן גַאסְט זֶענֶען צוּזַאמֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי טִישׁ, אָנְקוּמֶענְדִיג הָאבְן זֵיי זִיךְ אַרָאפּ גֶעזֶעצְט בֵּיים טִישׁ און זֵיי הָאבְן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרֶה וָואס דֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט, כֶּערְצְן פְּשָׁטִים אוֹיפְן פָּסוּק "אִם בְּחוּקוֹתַי תֵּלֵכוּ", און וֶוען דֶער רָב הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרֶה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרֶה הָאט מֶען נָאכְגֶעזָאגְט אוֹיבְן אִין הִימְל אִין נָאמֶען פוּנֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רַבֵּינוּ חַיִּים בֶּן עֲטַר", דֶער גַאסְט - וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹר הַקָּדוֹשׁ אַלֵיינְס - הָאט זִיךְ מִיט זֵיין גְרוֹיס עֲנִיווּת אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "חַיִּים בֶּן עֲטַר" אָן דִי וָוארְט "רַבִּי".

אַלֶע מֶענְטְשְׁן - וָואס הָאבְן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוער עֶר אִיז - זֶענֶען דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע חוּצְפָּה, וִוי

דֶערְוואַגְט זִיךְ דֶער אָרִימַאן אַזוֹי אַרוֹיסְצוּזָאגְן מִיט אַזַא זִלְזוּל דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת אוֹיךְ צוּ דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַהֶער אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס הָאט פַארְשֶׁעמְט דֶעם גְרוֹיסְן רָב אוּן דֶער כָּבוֹד פוּנֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ.

בֵּיי דִי מִיטָאג סְעוּדֶה פוּן שַׁבָּת הָאט דֶער רָב נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט תּוֹרֶה אוּן הָאט וֵוייטֶער גֶעזָאגְט נָאךְ פֶּערְצְן פְּשָׁטִים אוֹיפְן פָּסוּק "אִם בְּחוּקוֹתַי תֵּלֵכוּ", אוּן וֶוען דֶער רָב הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרֶה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרֶה הָאט מֶען נָאכְגֶעזָאגְט אוֹיבְן אִין הִימְל אִין נָאמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רַבֵּינוּ חַיִּים בֶּן עֲטַר", דֶער גַאסְט הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "חַיִּים בֶּן עֲטַר". עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גֶעטוּמְל, אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן שְׁלָאגְן דֶעם חוּצְפֶּה'דִיגְן אָרִימַאן וָואס וַואגְט זִיךְ שׁוֹין דִי צְוֵוייטֶע מָאל צוּ פַארְשֶׁעמֶען דִי כָּבוֹד פוּן אַזַא הֵיילִיגְן צַדִיק, אָבֶּער דָאס מָאל הָאט מֶען אִים נָאךְ מְוַותֵּר גֶעוֶוען אָבֶּער מְ'הָאט אִים גֶעוָוארְנְט אַז אוֹיבּ עֶס וֶועט פָארְקוּמֶען נָאכְאַמָאל אַזַא זַאךְ וֶועט מֶען אִים שְׁטַארְק בַּאשְׁטְרָאפְן.

בֵּיי דִי סְעוּדֶה פוּן רַעֲוָא דְרַעֲוִין הָאט דֶער רָב וֵוייטֶער נָאכְגֶעזָאגְט נָאךְ פֶּערְצְן פְּשָׁטִים אוֹיפְן פָּסוּק "אִם בְּחוּקוֹתַי

תֵּלְכוּ" כְּדֵי צוּ עֶנְדִיגְן דִי צְוֵויי אוּן פֶערְצִיג פְּשָׁטִים וָואס דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִין וַואלְד אוֹיפְן שְׁטֵיין, אוּן הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אַז "דִי תּוֹרָה הָאט מֶען נָאכְגֶעזָאגְט אִין הִימְל אִין נָאמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רַבִּי חַיִּים בֶּן עֲטַר", דֶער גַאסְט אִיז אוֹיךְ דָאס מָאל נִישְׁט שְׁטִיל גֶעבְּלִיבְן אוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט "חַיִּים בֶּן עֲטַר", אָבֶּער דָאס מָאל הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט מְוַותֵּר גֶעוֶוען, אוּן וִויבַּאלְד עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶער זְמַן פוּן מוֹצְאֵי שַׁבָּת הָאט מֶען אִים גֶענוּמֶען אוּן פַארְשְׁפַּארְט אִין אַ טוּנְקֶעלֶע צִימֶער אוּן מְ'הָאט אִים גֶעוָואלְט לֵייגְן אִין חֵרֶם אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט אַזַא גְרוֹיסְן צַדִּיק.

אוּן אִינֶעוֵוייִנִיג אִין שׁוּהְל הָאט מֶען וֵוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי סְעוּדָה פוּן רַעֲוָא דְרַעֲוִין, מְ'הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב.

פְּלוּצְלִינְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בְּלָאזְן שְׁטַארְקֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְטְן, דֶעכֶער זֶענֶען אַוֶועק גֶעפְלוֹיגְן, בֶּערְג זֶענֶען אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן פוּן זֵייעֶר פְּלַאץ אוּן שְׁטֵיינֶער זֶענֶען צוּנוּמֶען גֶעוָוארְן, עֶס הָאט מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעקוּקְט אַז דִי וֶועלְט גֵייט חָלִילָה חָרוּב וֶוערְן, דִי שׁוּהְל אִיז פִיל גֶעוָוארְן פוּן מֶענְטְשְׁן, אוֹיךְ דִי וֵוייבֶּער אוּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ

לוֹיפְן צוּם רָב אַז עֶר זָאל בַּאשִׁיצְן אוֹיף זֵיי מִיט זֵיין צִדְקוֹת עֶס זָאל זֵיי חָלִילָה גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן, דֶער רָב הָאט גֶעפְּרֶעגְט אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס דָאס מֵיינְט, אוּן מְ'הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת פַּארְלֶעשְׁט זִיךְ דִי פֵּייעֶר פוּן גֵיהֶנוֹם, אוּן מוֹצְאֵי שַׁבָּת וֶוען דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ מַאכְט הַבְדָלָה צִינְדְט זִיךְ דִי גֵיהֶנוֹם צוּרִיק אָן, אוּן וִויבַּאלְד דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ אִיז פַּארְשְׁפַּארְט בֵּיי עֶנְק דָא אִין צִימֶער קֶען עֶר נִישְׁט מַאכְן קֵיין הַבְדָלֶה, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער שַׂר פוּן דִי גֵיהֶנוֹם גֶעמַאכְט אַ רַעשׁ אוּן טוּמְל אַז עֶר קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן זֵיין אַרְבֶּעט, אוּן דָאס אִיז דִי סִיבֶּה פוּן דִי שְׁטַארְקֶע וִוינְטְן וָואס דָאס אִיז פוּן דֶעם שַׂר פוּן גֵיהֶנוֹם.

גְלֵייךְ הָאט דֶער רָב גֶעעֶפְנְט דִי צִימֶער פוּנֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארְשְׁפַּארְט, אוּן עֶר הָאט אִים אִיבֶּער גֶעבֶּעטְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט אִים נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען וִוי עֶס פַּאסְט, אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַּארְ'ן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ אַז וִויבַּאלְד מְ'הָאט אִים אַזוֹי שְׁטַארְק פַּארְשֶׁעמְט דִי וָואךְ שַׁבָּת דַארְף עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֵיין אִין גָלוּת אוּן עֶר קֶען שׁוֹין אַהֵיים גֵיין צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן וֵוייטֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרֶה מִיט זֵיינֶע תַּלְמִידִים צוּ בַּאלֵייכְטְן דִי וֶועלְט.